# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Leyzer Treysters Roman Un Der Tsveyter Dor “(Bay Di Taykhn Fun Nyu-York” / Lazar Traister’s Novel And The Second Generation (“By the Rivers of New York, 1978)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4fp2q54b

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

### Author
Zalman Shlosser, Zalmen Shloser /

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

## זלמן שלאָסער

# ל. טרייסטערס ראָמאַן און דער צווייטער דור

(„ביי די טייכן פון ניו־יאָרק", 1978)

אונדזער אַמעריקאַנער יידישע פּראָזע־ליטעראַטור האָט צו פאַרצייכענען אַ סך קינסטלערישע דערגרייכונגען; אפשר ניט אַזעלכע בולטע ווי די פּאָעזיע, דאָך דערגרייכונגען. אירע שרייבער האָבן געשילדערט כמעט אַלע פּאַזן און טיפּן פון דעם אימיגראַנטישן לעבן: דעם גרינעם און דעם אַלרייטניק, דעם באָרדער און דעם פּעדלער, דעם „אַנקל מאָזעס" און דעם אַרבעטער־פּירער, דעם „היברו־טיטשער" און דעם דעם הינער־פּאַרמער — אַלץ פון דעם אימיגראַנטישן דור. עס פעלט אָבער דער צווייטער דור, דער הי־דערצויגענער. מאָריס ראָזנפעלד, פּאָעט און דערציילער, האָט יאָ דערמאָנט אַז ער האָט „אַ יינגעלע גאָר אַ פיינס". קיינער ווייסט אָבער ניט וואָס פון אים אָדער פון אַנדערע יינגלעך איז געוואָרן. די פּראָזע־ליטעראַטור האָט אַזוי ווי איגנאָרירט דעם צווייטן דור, אים אויסגעמיטן, אָדער גאָר איבערגעלאָזט פאַר די פעלשער און וווּלגאַריזירער פון דעם יידישן וואָרט און נוסח, פון יידישן שטייגער, ווי די פון „פּאָרטנויס קאָמפּליינט" טיפּ אָדער גאָר פון אַזעלכע „פריינד" ווי סינטיאַ אָזיק מיט איר „קינסטלערישער" שילדערונג פון יידישע שרייבערס אין איר ענגלישער דערציילונג קנאה אָדער יידיש אין אַמעריקע.

לייזער טרייסטערס ראָמאַן „ביי די טייכן פון ניו־יאָרק" איז אפשר דער ערשטער קינסטלערישער פּאַרמעסט פון אַ יידישן שרייבער צו שילדערן אויף אַ ברייטערער קאַנווע מיט דעם זעלבן ערנסט און וואַרעמקייט ביידע דורות, דעם אימיגראַנטישן און דעם הי־דערצויגענעם. גלייכצייטיק איז דאָס אומדירעקט אויך דער בעסטער און ווירדיקסטער ענטפער די פעלשער און פאַרלוימדער. די שוועריקייטן פון אַזאַ פּאַרמעסט זיינען באַקאַנט: מען דאַרף קענען דעם דור פון אינעווייניק, זיין שפּראַך, הנהגה, מענטאַליטעט און אַמביציעס; און מען דאַרף האָבן אַן אויער פאַר אַ ריין יידיש לשון, כדי דער דיאַלאָג, די רייד, זאָלן קלינגען עכט, פריש, אָריגינעל און ניט ווי אַן איבערזעצונג.

דער פריערדיקער דור יידישע קינסטלערס האָבן געשילדערט אַ וועלט מיט מענטשן, וואָס זיי האָבן אַליין גוט געקענט אַזוי ווי זיך אַליין. שלום אַש און אָפּאַטאָ־

---

אַקאָרד, איך הערלעכע, הייליקע תחינה, פאַר ליכט־בענטשן.

„האַר פון דער וועלט!
בורא־עולם,
איך שטיי פאַר דיר
מיט אַפּגעדעקטן קאָפּ,
מיט אויגן ניט פאַרשטעלט —
עקשנותדיק
ברייט צעעפנט אַנטקעגן דיין ליכט.
סע ציטערט ניט
אַן איינציק הערעלע פון מיין ברעם
פאַר דיין גרויסקייט.
מיינע בענטשליכט
איך שטעל אין לייכטער אַריין
הויך און ווירע־גלייך
זיי זאָלן פלעמלען צו דיר
אָן אַ טראָפּעלע הכנעה.
איך שטייג צו דיר
אָן מינדסטן פּחד אין מיין נפש.
כ'האָב לאַנג געשליפן מיין געוואַגטקייט
צו שטעלן זיך פאַר דיר
גלייך־אויף־גלייך, באַשעפער,
און לאָזן מיינע טענות זיך עפענען
פאַר דיר
גערעכטע
פון מיין מויל אַרויס.

ווי מיר, ווי מיר:
איך האָב פאַרגעסן!
איך קען זיך ניט דערמאָנען
וואָס / איך בין געקומען מאָנען.
איך האָב פאַרגעסן,
ווי מיר."

שו, קאָברין און ליבין, איגנאַטאָוו און ראַבאָי, ש. מיללער און ברוך גלאַזמאַן — זיי האָבן זיך כמעט ניט צוגערירט צו גרונט־שילדערונגען פון דעם צווייטן דור פשוט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן אים ניט געזען, ניט געקענט און במילא ניט פאַרשטאַנען. און אפשר אויך דערפאַר וואָס זיי, די שרייבערס, האָבן געהאַט גענוג טעמאַטיק אָן דעם צווייטן דור. ברוך גלאַזמאַן האָט גראָד יאָ געהאַט אַן אויג פאַרן צווייטן דור. ער פלעגט זיך אָבער באַקלאָגן אַז ס׳איז שווער צו געפינען דעם נאַטירלעכן יידישן דיאַלאָג צו שילדערן יידן ביי וועמען דאָס יידיש־לשון פליסט ניט גלאַטיק פון מויל. איז ער געלאָפן קיין פוילן דאָרט זוכן דאָס נאַטירלעכע יידיש־לשון.

פאַרן נאָוועליסט ל. טרייסטער איז דאָס לעבן פוןביידע דורות אַ נאַטירלעכער קוואַל פון יידיש־קינסטלערישער שאַפונג. ס׳איז ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. עס שטייט אים פאַר די אויגן. זיינע דערציילונגען זיינען יידיש אין אינהאַלט און אין פאָרם, אין לשון, ניט געקוקט דערויף וואָס די מערכה פון יידיש האָט זיך, ווי עס קוקט אויס, היינט פאַרערגערט. זיינע יידן, זיינע געשטאַלטן און זייער געראַנגל מיט זיך אַליין און מיט זייער סביבה, זיינען ניט אָפגעריסן פון יידישן קוואַל, זיינען ניט קיין אַראָפגעפאַלענע בלעטער אויפן ווינט. זיי זיינען אויך ניט קיין אויסגעטראַכטע אָדער צוגעטראַכטע, ווי טייל מאָל ביי אָפּאַטאָשן. זייערע רייד און האַנדלונגען זיינען ניט קיין אויסטערליש פאַרבאָרגענע, ווי פון למד־וואָוניקעס, נאָר קלאָרע, וואָגיקע, וואָס האָבן זייער מקור אין דער יידישער מחשבה און לעבנס־שטייגער.

דאָס טיף־עטישע געשטאַלט, למשל, פון דעם „פוילישן רב״, ר׳ אליהו האָרוויץ, אין דער אַלטער שול „מקוה ישראל״ אויף דער „איסט סייד״, שפּיגלט זיך אָפּ און צעשטראַלט זיך מיט אַן עכט אייגנאַרטיק ליכט אין זיין טאָכטער הילדע האָרוויץ, וואָס ווערט טאַקע לכתחילה צוליב אומדערפאַרונג און נאַאיוויטעט מיטגעריסן מיטן קאָמוניסטישן פסיכאָז, אָבער סוף־כל־סוף געפינט זי דאָך דעם וועג צוריק צו די וואָרצלען פון איר היים און איר פאָלק מחמת „הילדע איז אַנדערש״ ווי די שכנים פון טענעמענט־הויז זאָגן וועגן איר, ווען זיי באַקלאָגן זיך אויף דער היינטיקער יוגנט, וואָס פאַרשאַפט חרפה און צער טאַטע־מאַמע. זי איז „אַנדערש״ ווייל זי שטאַמט פון דורות רבנים, פרומע און עָרלעכע יידן; ווייל חוץ דער וועלטלעכער בילדונג האָט זי זיך אויך אָנגעזאַפּט מיט תורה און שיינע מידות פון טאַטע־מאַמע. די דרשות וואָס איר פאָטער ר׳ אליהו האָרוויץ פלעגט האַלטן פאַר זיין עדה זיינען איר ניט פרעמד געווען. זי האָט פאַרשטאַנען און פלעגט אויך דיסקוטירן מיט איר פאָטער אַלע, לויט איר מיינונג, שוואַכע פונקטן. ווארעם שיעלע, איר עלטערער ברודער, דער חקרן, מיט זיינע קלאָץ־קשיות, פלעגט איר אויך „באַזאָרגן״ מיט ליטעראַטור, ווי אַ שטייגער רוסאָס „דער אָנהייב פון אומגלייכהייט״, ספּענסערס „פּרינציפּן פון סאָציאָלאָגיע״, לעניגס „אימפּעריאַליזם — די העכסטע שטופּע פון קאַפּיטאַליזם״ און אַנדערע.

ווי אַזוי שיעלע — איר פאָטערס האָפענונג אַז בעזרת השם וועט אָט דער עילוי און איפכא־מסתבראַניק ווערן זיין ממלא מקום, דער גרויסער למדן און מנהיג ביי יידן; ווי אַזוי שיעלע איז געקומען אויף יענעם שליאַך וואָס האָט געפירט צו זיין פאָטערס ערשטע האַרץ־אַטאַקע און ווי אַזוי פון שיעלע האָרוויץ איז געוואָרן דזשעסי האָרוואַט, פירנדיקער גייסט פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער באַוועגונג, און וואָס סוף־כל־סוף געפינט ער אויך זיין וועג צוריק — דאָס איז ניט קיין צוגעטראַכטע מעשה פון אַ ציטונגס ראָמאַן נאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל יידישע געשיכטע, וואָס ל. טרייסטער מיינט, אַז צוליב איר סאָציאַלן און מאָראַלישן תוך קאָן מען זי אָנרופן „דאָס וועלטלעכע שבתי־צבי־קאַפּיטל אין אַמעריקע.״

אָט דאָס וועלטלעכע קאַפּיטל יידישע געשיכטע אין אַמעריקע איז אַ קאַפּיטל פון קריזיסן ניט נאָר פאַר יידן. ס׳איז געווען אַ זייער קריטישע צייט אין לאַנד בכלל: באַנקראָטן, אַרבעטלאָזיקייט, אַלערליי פּראָטעסט דעמאָנסטראַציעס, דער

אָנהייב פון דער היטלער מגפה אין דער וועלט, די מלחמה־געפאַר און די קאָמו־ניסטישע פראָפאַגאַנדע, וואָס האָט פאַר־שפּרייט די בשורות פון סאָוועטישן „גן־עדן" און פאַרפירט ניכטערע מוחות און גוט־מיינענדיקע מענטשן, ספעציעל די יידישע יוגנט. אַלץ איז פון די מיטלויפער אויפגעבלאָזן געוואָרן אַזוי אַז אָט יאָגן זיי אַריבער אַמעריקע און די אַנדערע ציוויליזירטע לענדער. ס'איז דער צייט־אַפשניט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט וואָל־סטריט־קראַך און זיך פאַרענדיקט מיטן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אָט דעם צייט־אַפשניט האָט ל. טרייס־טער געמאַכט פאַרן סאָציאַלן היטערגרונט פון זיין ראָמאַן. גלייך אין אָנהייב דער־פילט מען דעם אָטעם פון דער צייט, דעם ריס צווישן עלטערן און קינדער, דעם אָפ־גרונט וואָס וואַקסט צווישן זיי. אַזעלכע אָפגרונטן האָבן יאָרן שפעטער ווידער זיך באַוויזן אין אַנדערע פאָרמען, ווי למשל, די דראַג־מגפה, די „מוניס", „דזשוס פאַר דזשיזוס" און אַנדערע. עלטערן קוקן זיך צו מיט צער ווי זייערע אונטערוואַקסנדיקע קינדער פאַרלאָזן זייער היים, ווי זייער הויז בלייבט אָן משפחה־וואַרעמקייט צו־ליב די „שווילטאָגן" וואָס דאָס יונגוואַרג האָט.

— אָט איז דעם רבס טאָכטער הילדע אַנדערש — פרווט איין שכנה, אַ פריינד פון דער משפחה, באַווייזן, אַז ניט אַלע זענען אַזוי שלעכט. — נו, זי האָט דאָך געקראָגן אַ רעליגיעזע דערציונג! — זאָגט אַן אַנדערע. נאָר אָט דער זכות האַלט לאַנג ניט אויס, מחמת אין קאָרי־דאָר עפנט זיך אַ טיר און עס קומט אַרויס די באַוווּנדערטע און באַליבטע הילדע מיט אַ שוואַרצער וואַליז אין האַנט און אָן אַ באַגריסונג און אָן אַ וואָרט שטופט זי זיך דורך אַזוי ווי זי וואָלט דאָ קיינעם ניט דערקענט און ניט געוואָלט קענען. אַ פנים, אַ רעליגיעזע דערציונג און אַ רבנישע היים העלפן שוין אויך ניט היינ־טיקער יונגוואַרג! אַ ברוגזע פאַרלאָזט זי איר היים, ווי איר עלטערע ברודער פריער און פונקט ווי ער איז זי שוין פאַרכאַפט פון קאָמוניסטישן פסיכאָז.

ווייסן מיר אַז דער קאַמף צווישן על־טערן און קינדער, צווישן דורות, איז ניט ניי און ס'איז ניט שייך זיך דאָ צו פאַר־נעמען מיט דעם. דאָ זיינען מיר פאַר־אינטערעסירט נאָכצופאָלגן בלויז די קינ־סטלערישע און פסיכאָלאָגישע שילדערונג פון אָט דעם עמאָציאָנעלן אויסברוך וואָס צעשטערט, מאַכט חרוב צוויי שיינע יידי־שע משפחות און דעם אופן ווי די פאַר־בליבענע יורשים, דער יונגער דור, אָט די וואָס האָבן רעוואָלטירט אין נאָמען פון „אמת און יושר", זיינען אַליין שיר ניט פאַרקראָכן אין אָפגרונט פון רישעות און פאַלשקייט.

אוודאי זיינען געווען און עס זיינען גע־וויס דאָ אויך אַנדערע נסיונות און קאָנ־פליקטן, פאַזן און פסיכאָזן אין לעבן פון צווייטן דור, וואָס אונדזער ליטעראַטור דאַרף און קען שילדערן. למשל, די וועלט וואָס חיים פאָטאָק שילדערט אין זיינע ענגלישע ביכער. דאָס האָט אָבער ניט קיין שייכות און איז מחוץ די ראַמען פון טרייסטערס ראָמאַן. עס שטרייכט נאָר אונטער דעם „בלויז" אין אונדזער ליטע־ראַטור.

דאָס קערנדיק־קלאָר לשון, פריי פון אומנייטיקע סענטימענטאַלע באַפוצונגען, און די וואַרעמקייט מיט וועלכע דער מחבר שילדערט זיינע העלדן, שטעקן אָן מיט נייגער און מיטגעפיל נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונג פון די שטאַרק דראַמאַטישע און דאָך ניט פאַרפלאָנטערטע סיטואַציעס אין וועלכע די העלדן ווערן אַריינגעצויגן. מען קען מיינען אַז דער שרייבער אַליין איז אַרויסגעוואַקסן פון דער סביבה וואָס ער שילדערט אַזוי מייסטערהאַפט — די סביבה פון די צוויי משפחות, די יידיש־בעליבתישע און די פרום־רבנישע, די אָרטאָדאָקסיש יידיש־אַמעריקאַנישע וועלט, וואָס איז בדרך כלל ווייניק פאַרטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע: די תלמוד תורהס און זייערע מלמדים, די בתי מדרשים, זייערע רבנים און גבאים; דערפאָלגרייכע געשעפטסלייט און זייערע קינדער; די לינקע דעמאָנסטראַציעס און פראָפאַגאַנדע, זייערע מעטאָדן אַריינצו־דרינגען אין די יידישע היימען, און נאָך און נאָך — אָבער אַלץ אין שייכות מיטן

לעבן פון די צוויי משפחות. דערפאַר אפשר זיינען די געשעענישן אזוי קאָנדענסירט און די שילדערונגען אַזוי דעטאַליזירט. וואָרעם דעם לייענערס אינטערעס איז געווענדעט דיירעקט צו זיי, צו די מענטשן, און ניט צו דער סאָציאַלער דראַמע פון דער צייט. די גאַנצע האַנדלונג, אַלע געשעענישן, דרייען זיך אַרום דער משפחה האַרוויץ און די משפחה רובין — די וועלט פון תורה און די וועלט פון מסחר. ביידע וועלטן ווערן דאָ געשיילדערט זייער רעאַליסטיש.

די האַנדלונג הייבט זיך אָן מיט הילדעס פאַרלאָזן איר היים פונקט יענעם שבת פאַרנאַכט, ווען דער מחותן רובין און זיין פרוי האָבן געדאַרפט קומען צו די האַרוויצעס צו באַשטימען דעם טאָג פון דער חתונה, ווי אָפּגערעדט אויף די תנאים צווישן סאָלן און הילדען. די רובינס האָבן נאָך ניט געוווסט, אַז ס'איז שוין אויס שידוך צווישן סאָלן און הילדען; אַז זייערע באַזונדערע פערזענלעכע אינטערעסן אין לעבן האָבן זיך פאַרקערעוועט אויף אַנדערע וועגן: סאָלס אין מסחר און הילדעס אין ביכער און לערנען. סאָלס אויפיר, ווען ער פלעגט בלייבן אַליין מיט הילדען, זיינע ניט ראַפינירטע מאַניערן און קנאַפּן אינטערעס צו אינטעלעקטועלע פּראָבלעמען, האָבן איר ביסלעכווייז אָפּגעשטויסן פון אים ביז זי האָט זיך פאַרליבט אין אַן אַנדערן, וואָס האָט איר ביסלעכוויז אָפּגעריסן פון איר היים און סביבה. אירע עלטערן האָבן דאָס געוווסט, זיי זיינען אָבער געווען הילפלאָז. פאַר חרפה האָט ר' אליהו האַרוויץ ניט געקענט זיך באַגעגענען מיט זיין מחותן און פריינד, וואָס איז ווי דער פּרעזידענט פון דער שול, אויך געווען זיין שפּייזער און באַשיצער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מחמת דעם וואָס פון שידוך איז איצט גאָר ניט געוואָרן, וועלן די רובינס אויפנעמען דעם פאַר זיי פלוצימדיקן ריס ווי אַ פּאַטש אין פּנים; אַז דעם רב, הייסט עס, שטייט ניט אָן צו ווערן זיין מחותן.

פון אָט דער געשעעניש און פון דעם וואָס אפילו שפּעטער איז דער רב אויך ניט יגעקומען צו זיי בעטן מחילה, האָט דער דורשט נאָך נקמה צוליב דער חרפה ביי די רובינס זיך אַלץ מער צעפּלאַקערט און געפּירט צו טראַגישע קאָנסעקווענצן פאַר ביידע משפחות.

די פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען ווי אַזוי אָט די נקמה־געפילן קעגן דעם אומשולדיקן און ערלעכן מחותן און רב, דעם עטיש־ריינעם עניו, האָבן זיך ביים רייכן בעל־צדקה, געטרייען כלל־טוער, מעצענאַט און פּראָסטן ייד אַזוי צעפּלאַקערט מיט אַזאַ שטאַרקער שנאה; און נאָך דעם ווי לויט דער עצה פון דאָקטער, האָט ער פאַרבויגן זיין שנאה און שטאָלץ און איז ווי אַ געשלאָגענער לייב דאָך געקומען צום רב בעטלען הילף פאַר זיין איינציקן זון, וואָס איז פון דער געשעעניש געוואָרן אַזוי צערודערט און צעשרויפּט; און ווי אָט די אמתע דערשלאָגנקייט האָט פאַרקוועטשט דעם רבס האַרץ אויף מיסטער רובינס נשמה בעת ער, דער רב, איז אין זיין ספרים־שטיבל געזעסן פאַרטיפט אין אַ פּרק פון סעדיה גאון וועגן פרייען ווילן — דאָס זיינען שטילע, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע שילדערונגען, וואָס קריצן זיך איין אין געמיט מיט זייער מענטשלעך־טיפן און ברייטן פאַרנעם. דער ענין וואָס מיסטער רובין, דער פּרעזידענט פון דער שול און תלמוד תורה, האָט אין זיין דורשט נאָך נקמה פאַר זיין אייגענער און זיין זונס חרפה, אָפּגעטאָן די מעשה־רע — ער האָט פאַרמאַכט די תלמוד תורה, צעטריבן די קינדער, אָפּגעזאָגט דעם מלמד, פאַרשטומט דאָס קול פון תורה — האָט אים אַזוי צעפּייניקט, אַז ער האָט אַזש ניט געוווסט ווו ער געפינט זיך בעת מיסטער רובין, זיין מחותן, איז געשטאַנען פאַר אים, געוויינט און געבעטלט רחמנות פאַרן פאַרשעמטן איינציקן זון.

ס'איז אַ פּאַטעטיש בילד ווי ביידע מחותנים זוכן איצט הילף — דער פּרעזידענט ביים רב און דער רב אין די אַלטע ספרים פון סעדיה גאון און רמב"ם.

— כ'בין געקומען פאָדערן פון אייער טאָכטער זי זאָל העלפן מיין זון. זי האָט אים צוגעפירט צו זיינע צרות. אַצינד דאַרף זי אים העלפן אַרויסקומען פון זיי. יאָ, פּשוט און קלאָר, מיין זון איז קראַנק— האָט דער שיינער בעל־צדקה זיך געבעטן

ווי אַ קינד. און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

די רביצין, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס איר מאַן זיצט אַזוי ווי פאַרגליווערט. — פאַרוואָס רעדסטו גאָר ניט צו אים? וואָס ווערסטו אַזוי אַלץ אַריינקוקן אין ספר, אַריינטראַכטן ווי די וועלט ווערט געפירט, צי אַלץ איז באַשטימט ווי פריער פון רבונו של עולם, אָדער צי דער מענטש ברענגט אויף זיך אַליין אַלע צרות?

דזשאָ רובין, דער מחותן, זעט איצט איין אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. ער, דער גרויסער מעצענאַט, האָט ניט געדאַרפט קומען בעטלען ביים רב רחמנות. פאַרפאַלן. ווער איז ער דען? פאַרוואָס זאָל מען אים העלפן?... די רביצין פרוווט פאַרענטפערן דעם רב: „ער איז פאַרחושט. הילדע האָט אים צו שווער געטראָפן אין האַרץ.“

און שפעטער, די שילדערונג ווען דער רב רעוואָלטירט, זאָגט זיך אָפ פון זיין רבנות, צערייסט זיין לעבנס־לאַנגן שולקאָנטראַקט, ווייל זיין רבנות האַלט זיך אויף קיצבה. ער וויל מער ניט לעבן אויף קיצבה... אַז נאָך דעם ווי זיינע קינדער זיינען אַוועק פון זיין וועג, האָט ער, דער רב און מנהיג הדור, קיין רעכט מער ניט צו לערנען אַנדערע.

בעת ביידע ראַנגלען זיך מיט זייער גורל און זוכן אַן אויסוועג, קנעלט הילדע האָרוויץ מיט אַ „קעמערל“ פאַר קאָמוניסטישער פראָפאַגאַנדע. אַ גרופע פון רייכע יידישע טעכטער, קאַלעדזש סטודענטקעס, הערן זיך צו צו איר לעקציע וועגן דער מאָראַל פראָבלעם אין דער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאַפט „אויף דער באַזע פון פאַקטן וואָס איר און איך האָבן באַמערקט ביי אונדזערע אייגענע עלטערן.“

— כ'וועל אָנהייבן פון מיין פאָטער. מען מוז זיין אָפנהאַרציק אפילו ווען עס טוט וויי — זאָגט זי.

— פירט ער זיך אויף לויטן מאָראַלישן געבאָט? ניין — ענטפערט זי. און אַזוי רעכנט אויס הילדע די קעמפערין פאַר אמת און יושר, מאָראַל און רעכט, די אַנדערע פראָפעסיעס און שליסט פון דעם, אַז אַלע זיינען פראַזיטן... — וואָס איז דער אויסוועג? — פרעגט זי און זי ענטפערט: דער סאָוועטן־פאַרבאַנד! דאָרט איז דאָ יושר — — — —

אַזעלכע סיטואַציעס און רייד פון געוויטלעך קלוגע יידישע קאַלעדזש סטודענטקעס קענען אפשר קלינגען ווי נאַיוו און נאַריש אָדער גאָר ווי חוזק. מעגלעך אַז יאָ. און דער שרייבער וואָס זוכט ניט דאָס צופעליקע, דאָס סענסאַציאָנעלע, מעג דאָס אויסלאָזן, מחמת עס קלינגט אפשר ניט עכט, ניט אמת פאַר אַזאַ גוט דערצויגן און אינטעליגענט מיידל. פאַר די יעניקע אָבער וואָס זיינען געווען עדות פון יענעם פסיכאָז בלייבט די שילדערונג עכט און אמת. טרייסטער שילדערט דאָ ניט קיין מלאכים אָדער טייוואָלאָנים, קיין צדיקים אָדער רשעים, נאָר מענטשן מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און נסיונות. און לויט ווי אַט די דראַמאַטישע עפאָכע האָט זיך היסטאָריש פאַרענדיקט האָט לאָגישערוויז ערגעץ־ווו געמוזט זיין אַ שפאַרע אָפן פאַר אַ צוריקטריט, פאַר אויסניכטערונג. די אָפענע סתירות פון רייד און מעשים, פון דער היטלער־גרויל און דעם סטאַלין־היטלער אָפמאַך האָבן שנעל געטריבן צוריק צו אייגענע פריינד, צום אייגענעם שורש, יענע מענטשן, וואָס זיינען געבליבן ווי אָפגענאַרטע פון עפעס אַ קאָלאָסאַלן שווינדל, אַזוי ווי בשעת דער שבתי צבי באַוועגונג, מיינט טרייסטער.

פאַר הילדען איז דער וועג צוריק ניט געווען אַזאַ שווערער ווי פאַר איר ברודער דזשעסין. קודם איז זי אַוועק פון דער היים מיט בלויז אַ ברוגז. זי פלעגט אויך אָפט טעלעפאָנירן אַהיים, בשעת דזשעסי האָט געפירט אַ ביטערן קריג מיטן טאַטן. און ווען די מאַמע קומט צו הילדען איר לאָזן וויסן וואָס עס טוט זיך אין דער היים, האָט הילדע גלייך פאַרשטאַנען, אַז זי מוז דאָ העלפן. ווען איר נייער פריינד און חתן דייוויד שפאַראָ פירט איר אַהיים פאַרענטפערט זיך זיך פאַר אים: „די זאָרג אַז מיין איבעררייסן מיט סאלן וועט ברענגען אויף מיין היים די נקמה פון די רובינס האָט מיך געפייניקט. איך פיל אַז איך מוז עפעס טאָן כדי צו פאַרריכטן מיין שולד.“ הילדע פילט זיך שולדיק.

הילדע וואַרט ניט אויפן סטאַלין־היטלער פּאַקט. זי קומט אַהיים, טאַקע מיט טענות, אָבער דאָך צוריק אַהיים. ווען דער פּאָ־ טער שטאַרבט רופט הילדע דזשעסין צו דער לוויה. דזשעסי קומט און בלייבט אין דער היים צו זיצן שבעה. ער קען אָבער לאַנג ניט איינזיצן. זיין אַרבעט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג ציט אים צוריק.

און דאָ קומט אַ פּאַטעטיש בילד פון אַ מאָמענט ווען ברודער און שוועסטער באַ־ געגענען זיך מיט צאָרן ווי אויף אַ שלאַכט־ פעלד. זיין טראָגיקייט האָט דערוואַכט. ער וויל זיי אַלע איבערלאָזן אין „זייער" טרויער. ער צעשרייט זיך אויף דער שוועסטער, וועמעס אויגן האָבן זיך אָנ־ געפילט מיט טרערן — כ'דאַרף שרייבן אַן אַלאַרמירנדיקן אַרטיקל פאַר דער צײַ־ טונג, מיט אַ ווענדונג צו דער וועלט! כ'בין ניט קיין לײדיק־גייער!

הילדע איז געוואָרן ווי פאַרגליווערט פון זיין געשריי. איבער דעם ירגזון איז ער אַליין געבליבן שטיין און ניט געדענקט וואָס ער האָט געוואָלט טאָן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אויסגעדרייט צו הילדען:

— זיי מיר מוחל, הילדע... — האָט ער איצט גענומען ריידן מיט באַרואיקטקייט:

— דו ווייסט אַז כ'האָב געזעלשאַפטלעכע פליכטן. אין מיין אַרטיקל מוז איך אויך וואָרענען די גרויסע וועלט־מאַכטן, ווי אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך. איז ווי קענסטו ריידן צו מיר וועגן סענטי־ מענטן. הילדע האָט זיך צעיאָמערט. דזשעסי האָט זיך אָנגעטאָן דעם קאַפּעליוש און געוואָלט אַריבערשפּרייזן די שוועל. ער איז אָבער געבליבן שטיין אין מיטן, ווי ניט אַרויס און ניט אַריין. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן וועגן עפּעס.

נו, גוט, הילדע. כ'וועל גיין צו מנחה־ מעריב און כ'וועל נאָך צוריקקומען... נו, גוט — — — הער אויף קלאָגן...

דזשעסי, דער איפכא־מסתבראניק, דער קאַפּויריקער, האָט זיך ניט געקענט איינ־ האַלטן די גאַנצע וואָך פון שבעה. נאָר שפּעטער, ווען דער שאַנד־פלעק פון דעם סטאַלין־היטלער פּאַקט איז געוואָרן די שרעק און די וואָרנונג פאַר יעדן ערלעכן ייד און מענטש, האָט דזשעסי ענדלעך דערוואַכט און איבערגעריסן מיטן קאָמו־ ניזם.

הילדע האָט געוווּסט אַז ער איז אַנדערש פון איר און דאָך אים ליב געהאַט ווי אַ ברודער. זי האָט גוט געדענקט ווי ער פלעגט אַמאָל אייננטענהן מיט איר אַז זי, מיט אַזוי פיל וויסן און פעאיקייטן, דאַרף העלפן בויען די קאָמוניסטישע געזעל־ שאַפט. אין אָנהייב פלעגט זי זיך אָפּ־ שאָקלען פון דעם מיטן תירוץ, אַז זי איז אָנגעשלאָסן אין „יאָנג איזראַעל". — כ'העלף בויען אייגענע, וויכטיקע, יידישע השקפות און השגות — האָט זיך אַ לאַנגע צייט זיך געהאַלטן ביי אירס. און דער אמת איז, אַז ניט דזשעסי האָט איר אַריינגע־ צויגן אין יענעם זומפּ נאָר דייוויד שאַפּי־ ראָ, דער רייכער זינדל און קאָמוניסטי־ שער טוער, וואָס האָט מיט זיין הפקרדיקן אויפפיר מיט קאָמוניסטישע כאַווערטעס — הילדע האָט קיין מאָל ניט פאַרלאָרן די פרומע מידות פון איר היים — זי געמאַכט זיך צו פאַרטראַכטן, אַז די קאָמו־ ניסטישע „מאָראַל" איז ניט פאַר איר.

עס זיינען, נאַטירלעך, דאָ אויך אַנדערע כאַראַקטערן אין דעם ראָמאַן, וואָס צוזאַ־ מען העלפן זיי באַנעמען דעם גייסטיקן גע־ ראַנגל פון אונדזער הי־דערצויגענער יידי־ שער יוגנט אין דעם אָנגעגעבענעם צייט־ אָפּשניט. אַלע שילדערונגען זיינען דאָ ניט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר רעאַליס־ טישע, באַהויכט פון אַ קינסטלערישער פאַנטאַזיע. דזשעסיס און הילדעס פּרווו זיך אַרויסצורייסן פון זייער אַלטער יידישער סביבה צוליב כלומרשט עטי־ שע טעמים — דער „צויבער" פון אַ קאָס־ מעטיש־קאָמוניסטישער וועלט — און נאָך דעם זייער ביטערע אויסניכטערונג, זיי־ נען שילדערונגען פון אַ טיף־מענטשלעכן געראַנגל ווי געזען פון אינעווייניק. געוויס איז אָט דער דראַנג זיך אַרויסצורייסן פון אַ שטרענגער, „פאַרעלטערטער" סביבה, וואָס נעגירט דעם אַלגעמיינעם שטראָם, אַן אַלגעמיין מענטשלעכער, וואָס איז קענטיק אין אַלע צייטן און אפשר אויך ביי אַ סך דורות. און טאַקע צוליב אָט די טעמים זיינען אַזעלכע פאַסיעס וויכטיק פאַר דער ליטעראַטור, וואָרעם די ליטע־